Produced & Directed by:
אברהם מרדכי שווארץ

# לוי
# טובלי

לוי פאלקאוויטש
Levy Falkowitz

Dear Avrum Mordeche;

To find the right producer, is not an easy feat. To find a true friend is a blessing. ...and to find both in one person is the greatest gift.

Avrum Mordche you have an authentic deep love of music, and a brilliant understanding of how to build and create an album to best suit the singer. You had a clear vision from the very beginning and meticulously built towards that goal, designing and crafting every song to be a piece of art and bring out the most in me. You masterfully directed the production process with such passion and talent, personally overseeing every detail from song choice and lyrics, to arrangement styles and sound.

I thank Hashem that I have a partner like you in my music career and journey. I gained so much since I met you and we started working together. You were very passionate about my future and an unusually devoted friend. I'm glad we now reached another big moment together, the completion and release of tov-li!

Avrum Mordche, This album is really a piece of you. You out did yourself.

Thank you from the bottom of my heart.

Levy







"Avrum Mordche, This album is really a piece of you!"
















## מודה אני לפניך ה' אלקי... על כל החסד

מיינע אויגן זענען געוואנדן צום הימל מיט לויב און דאנק צו **השי"ת** אויף די געוואלדיגע זכי-ה צו זיין א שותף און האבן א חלק אין הערליכע שמחות במשך די לעצטע צען יאר בליעה"ר, משמח זיין, זינגן, אויפהייבן, און אריינברענגן חיות און שמחה אין אידישע קינדער.

**מה אשיב לה'** אויף די זעלטענע הצלחה פון די פריערדיגע אלבום, וואס האט מיר אריינגעברענגט און געמאכט א טייל פון אזויפיל אידישע הערצער. בעת משוש ביי א שמחה, ביי א רקידה'לע, ביי א גוטע פארברענג און קומזיץ, ביי א ווארימע תפלה צום בורא, די ניגונים האבן ב"ה כסדר טיף אפגעקלינגן און געהויבן די הרגשים.

## על כל החסד אשר עשית עמדי

צו א ידיד און חבר נענטער ווי א ברודער, ידיד נפשי היקר ר' **אברהם מרדכי שווארץ** הי"ו, מיט זיינע זעלטענע כשרונות און געלונגענקייט אהערגעשטעלט אזא פראכטפולע דבר השלם! אין יעדן ניגון, און אין יעדן קנייטש, ליגן זיינע אויסערגעווענליכע טאלאנטן און כוחות וואס ער האט משקיע געווען אין דעם אלבום מיט די גאנצע נשמה און די גאנצע ברען, מיט א איבערגעגעבנקייט וואס מ'טרעפט נישט זיינס גלייכן.

## ועם כל בני ביתי

צו מיין **טייערע אשת חיל** תחי' וואס באגלייט מיר שטענדיג אויף טריט און שריט מיט אזויפיל הארץ און געפיל, די חיזוק און כוח וואס זי גיבט אין יעדע צייט, וואס מ'קען נישט אפשאצן אדער ארויסברענגן מיט ווערטער. איר געטריישאפט צו מיר און צו אונזערע זיסע קינדערלעך **זעלדי** און **יודא ירמי'** שיחיו, ישלם ה' פעלה!

## ואשר אתה עתיד לעשות עמי

און מיין בקשה און תפלה איז אויף ווייטער, כה יוסיף ה' וכה יתן אז כ'זאל קענען ווייטער ממשיך זיין נאך און נאך דערפרייען אידישע הערצער, און אויך די יעצטיגע אלבום זאל געפונען חן און ליבשאפט און באגלייטן דעם ציבור פאר לאנגע יארן. **זיך צום ווידערזען ביים קומענדיגע שמחה אי"ה.**

# 1

# לבי

קל אחד בראנו ואמר חי אנו
כי לא יראני האדם וחי

לבי ובשרי ירננו אל קל חי

צמאה לך נפשי, כמה לך בשרי

**לחן:** אנטשי פריעדמאן | **עיבוד ומיקס:** אודי דמארי | **מאסטרינג:** איציק פליבה
**תכנות תופים:** אודי דמארי | **גיטרות ומנדולינה:** שמעון יחיא
**קלידים:** אודי דמארי | **בס:** אבי יפרח | **חלילים:** גלעד רונן
**קולות רקע:** לוי פאלקאוויטש - אודי דמארי
**הוקלט:** באולפני אודי דמארי -ראשון לציון, ישראל

# 2 סוד של משקה

**לחן:** אברהם מרדכי שווארץ | **עיבוד:** רובי בנט | **מיקס:** גיל טלמן | **מאסטרינג:** איציק פליבה

**תופים:** טל כהן | **בס:** גיא דן | **פסנתר:** ירון גוטפריד
**הוקלט:** באולפני ברדו - רמת גן, ישראל | **טכנאי הקלטה:** גיל טלמן

**גיטרות:** אבי סינגולדה | **כלי הקשה:** גדי סרי | **הוקלט:** באולפני בנט - בני ברק, ישראל

**בראסים:** אריק דוידוב - אדי מאירי - גרג | **הוקלט:** באולפני גל קול - בני ברק, ישראל

**כינורות:** חברת אייל שילוח | **הוקלט:** באולפני צוללת - תל אביב, ישראל

**חליל צד:** אברומי באש | **הוקלט:** באולפני Schnitzler Studios | **טכנאי הקלטה:** שלומי וועכטער

**קולות רקע:** לוי פאלקאוויטש | **הוקלט:** באולפני MK Studios Monroe NY

ביים צמח צדק, האט דער סיפור פאסירט
ווען מיט חסידים, א פארברענגן געפירט
די חסידים מיט דארשט געטרינקן
אין טיפע מחשבות, פון חסידות פארזינקן

מ׳גיסט אָן גלעזלעך משקה, איינס נאכן צווייטן
די שמחה טוט זיך גאר שנעל פארשפרייטן
מיט הארציגע ניגונים געזאנגן
אבער פלוצלינג... די משקה איז אויסגעגאנגן.

מ׳קוקט און מ׳זוכט עצות מ׳קלערט
יעדע פלאש אויפן טיש שוין איבערגעקערט
באשעפער מ׳וויל זיך פרייען למען שמך
נישטא מיט וואס, להשקות צמאי חסידיך

דער צמח צדק בעט פון א חסיד גאר געטריי
זלמ׳לע טו א טובה, ברענגן משקה גיי
גלייך נאכן רבי׳נס באפעל געשווינד
ער לויפט אין די גאסן זוכן בראנפן אצינד

ס׳שפעט אין די נאכט, נישט אפן קיין געשעפט
פון די גוטע שארפע סחורה, ווי מ׳טרעפט
ער זעט פון דערווייטען ס׳איז נִיכּר
עס קומט איהם אנקעגן, איוואַן דער שיכור

ער גייט דארט אזוי, מיט וואקלדיגע טריט
אין די הענט א באטל וואדקע, מיט א גוטן אפעטיט
אזא אוצר ער טוט פארמאגן
הלואי הלואי... פארן רבי׳ן צו טראגן

לאמיר נאר מיט איהם דעם געשעפט שליסן
און ביים פארברענגן וועט זיך ווייטער די משקה גיסן
צום שיכור לויפט ער צו דאס מקח צו מאכן
אבער דער גוי נעמט זיך עם אין פנים לאכן

ניין ניין שרייט ער, בשום אופן
דאס פלעשעלע וועל איך דיר נישט פארקויפן!
ער כאפט עס אָן, לאזט עס נישט ארויס פון האנט
זלמ׳לע שטייט און הערט די פרייז נאָכאַנאַנד

ביז פופצן רובל טבין ותקילין
אזא געלעגנהייט וויל ער נישט פארשפילן
מער פון דעם האט ער שוין נישט אין זיין טאש
אבער איוואַן דער שיכור איז נישט מוותר אויפן פלאש...

זאגט איהם זלמן, א קשיא מיר עס פלאגט
פארוואס האסטו פופצן רובל אפגעזאגט
זיך באנארישט אויף אזא פרייז
וואלסט געקענט דערמיט קויפן די האלבע גאַס

איוואן ביסט נישט קיין נאַר דיין קאפ ארבעט גוט
וואלסט געקענט ווערן א עושר, אין איין מינוט
קוק ארום די אלע הייזקעלעך קליינע
זיי וואלטן יעצט געקענט גאר ווערן דיינע

איוואן קוקט צוריק מיט א בליק פון רחמנות
און ענטפערט איהם מיט שפאַס און ליצנות
אוי זלמ׳לע אוי זלמ׳לע דו נאַר איינער
מיט דעם פלעשעלע ווערט, גאנץ פעטערבורג מיינער!

איך טרינק מיט א געשמאק און איך ווער גאר הויעך
איך קען דערזען וואס איך וויל אין מיין מוח
איך קען גאר שפירן ווי, דער צאַר, ווי א גביר
דעמאלטס בין איך בעל הבית, און ס׳האט נישט קיין שיעור

ר׳ זלמן לויפט צוריק צום רבי׳ן מיט זריזות
דער עולם באטראכט איהם, די משקה ווי-איז-עס?
רבי קיין בראנפן האב איך נישט א שאָד
אבער איך האב מיטגעברענגט א אנדערע אוצר אנשטאָט

”דער סוד פון משקה” טו איך שוין פארשטיין
איך האב עס מקבל געווען פונעם שיכור אליין
ווען מ׳איז בשמחה אויפגעלייגט
דעמאלטס גאר הויעך דער מענטש ער שטייגט

גארנישט, איז צו גרויס גארנישט איז צו שווער
מיט שמחה, קען מען דערגרייכן, מער און מער
די כוח פון שמחה ווערט קיינמאל, אפגעשטעלט
און דעמאלטס קען מען האבן די גאנצע וועלט...

# 3 וכל מאמינים

וכל מאמינים שהוא
היה הוה ויהיה

וכל מאמינים שהוא טוב לכל
וכל מאמינים שהוא חי וקים

**לחן:** אברהם מרדכי שווארץ | **עיבוד ומיקס:** אודי דמארי | **מאסטרינג:** איציק פליבה
**תכנות תופים:** אודי דמארי | **גיטרות:** שמעון יחיא | **בס:** אבי יפרח
**הוקלט:** באולפני אודי דמארי - ראשון לציון, ישראל

**עיבוד מקהלה:** אלי שפריי
**חברי מקהלה:** אלי שפריי, אהרעלע סאמעט, אברהם מרדכי שווארץ,
יוסי ארגל, יוסי רובין, ישראל מרדכי דרומער, לוי פאלקאוויטש, לייבי פאסטן
**קלרינט:** אברהם בלטי | **הוקלט:** באולפני SYR Studios NY | **טכנאי הקלטה:** יושע ראזן

# 4 טוב לי

כי לקח טוב נתתי לכם
תורתי אל תעזבו

טוב לי תורת פיך ס'איז גוט
טוב לי תורת פיך ס'איז זיס
מאלפי זהב וכסף מער פון אלע געלט
טוב לי תורת פיך ס'איז גוט
טוב לי תורת פיך ס'איז זיס
די בעסטע שענסטע זאך אויף דער וועלט

**לחן ומילים:** הערשי ראטנבערג | **עיבוד ומיקס:** יואלי דיקמן | **מאסטרינג:** איציק פליבה
**תופים:** אבי אבידני | **בס:** אבי יפרח **גיטרות:** אבי סינגולדה | **קלידים:** יואלי דיקמן
**כלי הקשה:** גדי סרי | **סקסופונים וחליל צד:** פטר וורטהיימר

**עיבוד מקהלה:** אלי שפריי
**חברי מקהלה:** אלי שפריי, משה שפריי, אברהם יודא עקשטיין, יעקב רוטבלט, סיני ברמץ
**הוקלט:** באולפני גל קול - בני ברק, ישראל | **טכנאי הקלטה:** ישראל אורבאך



# 5

# קנקן

## אל תסתכל בקנקן אלא מה שיש בו

זעה נאר, קוק נאר, בליק נאר
וואס ליגט אינעווייניג
א אידיש קינד
פארמאגט אן אוצר באהאלטן אין אים
עס ליגט א נשמה שיין, ביי יעדן איינציג
קיין חילוק ווי אזוי ער קוקט אויס,
ס'איז נישט קיין פראבלעם

**לחן:** אנטשי פריעדמאן | **מילים:** אברהם מרדכי שווארץ | **עיבוד ומיקס:** אודי דמארי
**מאסטרינג:** איציק פליבה

**תופים:** אבי אבידני | **בס:** אבי יפרח | **גיטרות:** שמעון יחיא | **קלידים:** אודי דמארי
**חצוצרות:** עדי מאירי | **סקסופון:** גלעד רונן | **קולות רקע:** אודי דמארי, לוי פאלקאוויטש
**הוקלט:** באולפני אודי דמארי - ראשון לציון, ישראל

## 6 אחד המרבה

**לחן:** וואלווי ליכטנשטיין | **מילים:** וואלווי ליכטנשטיין - אברהם מרדכי שווארץ | **עיבוד:** לייב יעקב ריגלר
**עיבוד מקהלה:** יואלי הורביץ | **מיקס:** יואלי דיקמן | **מאסטרינג:** איציק פליבה

**תופים:** ברק אהרן | **פרקושן:** גולן קולש | **בס:** גיא דן | **גיטרות:** אבי סינגולדה
**פסנתר:** ירון גוטפריד | **כינורות:** חבורת LOKA | **בראסים:** נתן בירמן, רפי דוידוב, שחר ליבנה
**הוקלט** באולפני בנט בני ברק ישראל | **טכנאי הקלטה:** חיים גוטוסמן - גיל טלמן | **הכנה למיקס:** חיים גוטוסמן
**חברי מקהלה:** אלי שפריי, יואלי הורביץ, יואלי גאנדל, ישראל מרדכי דרומער, יענקי אונגאר, ימי האס, אברהם מרדכי
**הוקלט:** באולפני MK Studios Monroe NY | **טכנאי הקלטה:** משי קרויס
**שירה הוקלטה:** אצל יושע ראזן SYR Studios NY

אז א יוד טוט באמת כראוי
ער נוצט אויס יעדע מינוט
רחמנא ליבא בעי
פאר'ן באשעפער איז אלעס גוט
איינער איז שטארק איינער איז שוואך
איינער קען מער און איינער וויניג
מ'פארלאנגט נישט פון יעדן גלייך
די עיקר איז דאס הארץ אינעווייניג

**פזמון:**
**אחד המרבה ואחד הממעיט**
**ובלבד יכוון לבו לשמים**
**אויב מיט אַן אמת**
**איז דאס וואס דו טוסט**
**יא מיין קינד צו דיר איך גליסט**

**אחד המרבה ואחד הממעיט**
**ובלבד יכוון לבו לשמים**
**מיין קינד פון דיר איך האב הנאה**
**ווייל רחמנא ליבא בעי**

כל נדרי נאכט א יתום'ל אין שול
אינגאנצן צובראכן עס טוט אים וויי
ער קען נישט קיין ווארט
ער וויל געבן געפיל
א פייף מיטן מויל געט ער א געשריי
אין בית מדרש
עס ווערט א רעש א טימל
דער בעל שם מאכט שטיל
און ריפט אויס
ס'האט מבטל געווען א גזירה אין הימל

אזוי ריין געקומען פון הארץ ארויס

**פזמון:**

איינער צופרי אין די האנט א גמרא
צו לערנען אפאר שעה ברצופין
אין א שווערע סוגיא
פארטיפט מיט א סברא
דער באשעפער גליסט בכסופין
איינער צופרי אין ארבעט יאגט זיך
צו ברענגען פרנסה פאר זיין שטוב
מיטהאלטן דעם שיעור
ביינאכט ער פלאגט זיך
דער באשעפער האט דיר אזוי ליב

**פזמון:**

## 7 ימות המשיח

**לחן:** פיני אסטרייכר | **מילים:** אברהם מרדכי שווארץ
**עיבוד ומיקס:** אודי דמארי | **מאסטרינג:** איציק פליבה

**תופים:** אבי אבידני | **בס:** אבי יפרח | **גיטרות:** אבי סינגולדה | **קלידים:** אודי דמארי
**חצוצרות:** עדי מאירי | **סקסופון:** גלעד רונן | **Guitar Solo:** Chaim Bokchin
**קולות רקע:** לוי פאלקאוויטש
**הוקלט:** באולפני אודי דמארי - ראשון לציון, ישראל

געקומען פון די גאנצע וועלט
א בית המקדש אויפגעשטעלט
יודן פארשידן אלעס ווי איין
מ'דינט דעם באשעפער אליין

ווי הערליך איז דאס בילד
די גאסן זענען איבערגעפילט
די פעלקער מיט מורא א ציטער מ'האט
יעדע שטיינדעלע צוגייט פאר גאט

דער אלטער מיטן טעם זקנים
דערציילט זכרונות פאר יעדן איינעם
קינדער אומעטים
שפילן זיך רואיג שיין ארום

קיינמאל נאכט קיינמאל טינקל
די זון זי שיינט אין יעדן ווינקל

פון דאגות ווער דען ווייסט
אלעס לעבט מיט א העכערן גייסט

**פזמון:**
**א פרישע קדושה**
**א שמייכל פון שמחה**
**ווי מ'גייט און ווי מ'שטייט**
**גאנץ כלל ישראל**
**טוט דעם רצון השם**
**מיט אחדות און הייליקייט**

א גלעזל גיסט מען אן פון פלאש
ארץ זבת חלב ודבש
אינטערן ביימעלע אנגעלאנט
מיט א ספר'ל אין די האנט

שמחתי איך בין גאר פרייליך
באומרים לי בית השם נלך

עסן פלייש און וויין
קומען עולה רגל זיין

לווים זינגן שיר המעלות
די שכינה הקדושה מ'זעהט התגלות
א ניגון הארציג שיין
וואס באנעמט די נשמה אליין

**פזמון:**

הרחמן הוא יזכנו
לימות המשיח
דעם הייליג שיין
זאלן מיר שוין זוכה זיין
ותחזינה, ותחזינה עינינו
בשובך לציון טאטע קער דיך צוריק
ברענג אונז שוין די טעג פון גליק

**פזמון:**

# 8
# המלאך

המלאך הגואל אותי מכל רע
יברך את הנערים

גאט זאל דיר שיקן א מלאך'ל
א מלאך'ל וואס היט דיר אייביג אפ
דו ביסט נאך קליין געסט א געוויין
קומט ער צוגיין פון גאט אליין
דער מלאך'ל וואס היט דיר אייביג אפ

**לחן ומילים:** הערשי ראטענבערג | **עיבוד:** אברהמי גוראריי | **מיקס:** יואלי דיקמן | **מאסטרינג:** איציק פליבה
**תופים:** בני קניבסקי | **בס:** רמון דיבריאון | **פסנתר:** רמב"ם אגביעב | **גיטרות:** נחמן דרייער
**חליל צד, קלרינט, אובו, קרנות:** The New York Group
**הוקלט:** באולפני Systems two Studios NY
**כינורות:** The Israel Philharmonic By Chatzkale Boyboy
**הוקלט:** באולפני גל קול ישראל | **טכנאי הקלטה:** ישראל אורבאך
**קולות רקע:** לוי פאלקאוויטש, אברהם מרדכי שווארץ, ישראל מרדכי דרוממער
**עיבוד קולות:** אברהם מרדכי שווארץ

# 9
# על הניסים

על הניסים ועל הפרקן.
ועל הגבורות. ועל התשועות.

ועל הנפלאות ועל הנחמות
ועל המלחמות שעשית לאבותינו
בימים ההם בזמן הזה

**לחן:** שרולי ליפשיץ | **עיבוד ומיקס:** אודי דמארי | **מאסטרינג:** איציק פליבה
**תכנות תופים ובס:** אודי דמארי | **קולות רקע:** שרולי ליפשיץ - אודי דמארי
**גיטרות:** שמעון יחיא | **סקסופון:** גלעד רונן | **חצוצרות:** עדי מאירי
**הוקלט:** באולפני אודי דמארי - ראשון לציון, ישראל

10

# צוויי ברודער

**לחן:** ר' יו"ט ערליך ז"ל | **עיבוד וניצוח:** אחיה אשר כהן אלורו | **מיקס:** יניב בלאס | **מאסטרינג:** איציק פליבה

**תופים:** אבי אבידני | **בס:** גיא דאן | **גיטרות:** יוגב כהן | **פסנתר:** אחיה אשר כהן אלורו

**כינורות:** ברק שוסברגר, רינת ארליכמן, אורי דרור | **ויולות:** נתנאל פולק, אוהד רודד | **צ'לו:** וויליאם וייל

**קרנות:** ברק ייבין, יפעת צור | **הוקלט:** באולפני משכנות שאננים - ירושלים

**טכנאי הקלטה:** צביקה הירשלר | **עוזר טכנאי:** עידו באום | **הכנה למיקס:** אלי אוסדון

**עיבוד מקהלה:** אלי שפריי

**חברי מקהלה:** אלי שפריי, יואלי גאנדל, ישראל מרדכי דרומער, יענקי אונגאר, ימי האס

**הוקלט:** באולפני MK Studios Monroe NY | **טכנאי הקלטה:** מושי קרויס

**שירה הוקלטה:** אצל יושע ראזן SYR Studios NY

אין ארץ ישראל
מיט יארן טויזענטער צוריק
דער ביהמ"ק איז נאכנישט געווען
אידן האבן געלעבט צופרידן פול מיט גליק
און קיין צרות האט מען נישט געזעהן

אין א פעלד פון פרוכט
און תבואה גאר אסאך
געוואוינט האבן צוויי יודן דארטן שיין
אין איין זייט א ברידער
א פרוי מיט פילע קינדערלעך
אין צווייטן זייט א ברודער גאנץ אליין

דער פעלד באלאנגט צו זיי,
צו די ברידער צוויי
און ער איז צוטיילט אויף טיילן גלייכע
דער ברודער וואס אליין,
די הוצאות זייער קליין
איז ער זיך געווארן גאר א רייכער

אין צווייטנס ברודער'ס הויז,
די משפחה זייער גרויס
און וויפיל ער באקומט איז קוים צום לעבן
ער איז אבער געהיט,
ביי קיינעם נעמט ער נישט
כאטש זיין ברודער וויל אים שטענדיג געבן

**פזמון:**
**די וועלט מען קען איר נישט אויסגלייכן**
**איינער האט דאך ווייניג איינער פיל**
**דער ארעמער דארף נעמען ביים דעם רייכן**
**און דער רייכער**
**דארף אים געבן וואס ער וויל**
**א איד דארף זיין פיל מיט געפילן**
**רחמנות האבן אויפן ארימאן**
**און דער באשעפער וועט עס אויך דערפילן**
**און אויך אויף אונז רחמנות האבן דאן**

אויף די בערג פון יהודא
די זון ארויסגעקומען
און באלויכטן האט די גאנצע וועלט
אידן האבן זיך צונויף געקומען
אראפ נעמען תבואה פון דעם פעלד

דער רייכער ברודער
קען נישט ארבעטן צו גיך
שווער צו טרעפן ווער זאל פאר אים טאן
ביים צווייטן ברודער
ווי מען ענדיגט נאר ביי זיך
צום רייכן קומט מען העלפן פיל מען קאן

גייען זיי אזוי, א רייע נאך א ריי
מיט די מעסערס שניידן זיי די זאנגען
און צוזאמען אויך, אלע זינגען הויעך
צום באשעפער ערליכע געזאנגען
פון אונטן אין א זייט, די ארימעלייט
קלייבן אויף דאס וואס מען האט פארגעסן
א זאנג פאלט אויף דער ערד,
צום ארימאן געהערט
ער זאל אויכעט האבן וואס צו עסן

**פזמון:**

די זון איז פארגאנגען
דער טאג איז שוין אנטלאפן
דער רייכער ברודער ליגט ביי זיך אין בעט
ער איז שטארק פארמאטערט
און ער קען נישט שלאפן
און שטילערהייט צו זיך אליין ער רעדט
אזויפיל תבואה היינט ארפגענומען
און ביי מיין ברודער
וועט נישט זיין אויף לאנג
ער איז נאך העלפן היינט צו מיר געקומען
און עס פאלט אריין אים א געדאנק

עס איז שוין זייער שפעט
ער לויפט ארויס פון בעט
צו זיינע פעלדער לויפט ער אן געררודער
א סנאפ (בינטל תבואה) נאך א סנאפ
ער לייגט זיך אויף זיין קאפ
און טראגט עס אויפן חלק פון זיין ברודער

ער גייט און ער גייט
די הארץ איז פול מיט פרייד
ער בעט נאר עס זאל זיין מיט הצלחה
דער ברודער וועט עס זען
נישט וויסן וואס געשעהן
און מיינען אז עס איז אריין די ברכה

דער ארימער ברודער
קיין אויג קען נישט צומאכן
פון זיין רייכן ברודער אלץ ער קלערט
אזויפיל תבואה אזויפיל גוטע זאכן
און דאס אלעס איז דאך גארנישט ווערט
איינער אליין און אלץ טוט איבער בלייבן
ער האט נישט קיין הנאה אויף דער וועלט
וואס א יאר טוט ער אלץ מער אן קלייבן
און פארקויפט און לייגט אוועק דאס געלט

זיין גאנצער געדאנק
איז וואס מער געלט אין שאנק
קיין אנדער גליק טוט ער דאך נישט פארמאגן
עס פאלט איין אין קאפ,
פון זיין פעלד א סנאפ
צו זיין ברודער'ס פעלד אוועק צו טראגן
די נאכט איז אזוי שפעט
ער לויפט ארויס פון בעט
ער נעמט א סנאפ
און הייבט עס אן צו טראגן
ער וועט עס לייגן ווייט, ערגעץ אין א זייט
זיין ברודער ווייסט נישט
פיל ער טוט פערמאגן

דער רייכער ברודער
האלט אלץ אין איין טראגן
און ער איז צופרידן שטארק פון דעם
פלוצלינג ווערט ער
שטארק איבערגעשראקן
ער זעהט עס קומט אן ווער אנטקעגן אים

א מענטש צו א חיה
ער ווייסט נישט וואס צו קלערן
ער שטייט און קוקט זיך איין אזוי אויף דעם
און ווי ער פאנגט אן נענטער צו ווערן
דערזעהן האט ער זיין ברודער נעבן אים

זיי האבן זיך בעטראכט, די אויגן צוגעמאכט
די סנאפעס שנעל געטון אנידער לייגן
און זיי האבן גיך, ארום גענומען זיך
און קוואלן טרערן פאלן פון די אויגן
מלאכים אין דער הויעך, וויינען מיט זיי אויך
און פון באשעפער פאלן אויך צוויי טרערן
און ער גיט זיין ווארט,
אז טאקע אויף דעם ארט
דער בית המקדש וועט געבויט דארט ווערן

אין בית המקדש פלעגט מען קומען
אויפגענומען האט מען יעדן גלייך
קרבנות פלעגן ווערן אנגענומען
דאס זעלבע צו מ'איז ארים צו מ'איז רייך
דער עיקר ווי מען מעסט פון אויבן
און ווייסט צו וועלכע מאס
עס גייט דארט אן
וויפיל דער מענטש טוט אין באשעפער גלויבן
און מעשים טובים ווי פיל ער האט געטאן

## יישר כח!

ווארימע געפילן פון הכרת הטוב און א
הארציגע יישר כוח פאר אלע חברים וואס
האבן ארויסגעהאלפן און האבן אנטייל
גענומען אין די הצלחה פונעם אלבום
כל אחד בשמו הטוב יבורך:

**יואלי הורוויץ • אלי שפריי**
**ישראלי ליפשיץ**

**אודי דמארי,**
מארח האלבום מוזיקאלית ולבבי בשביל
לפגוש נשמה כמוך שווה להוציא דיסק שלם

**יואלי דיקמן,**
אתה מוזיקאי אמיתי נתת פה את כל כולך מכל
הלב והנשמה שעות ללא שעות

אחרון חביב
**שמשי פריעד**

*לוי* *אברהם מרדכי*

My Voice Teacher
**CANTOR HERSH EINHORN**
your deep love and dedication to the art of the human voice is one of a kind. Thanks for keeping me always focused & on the right track!

To my favorate people:
**ארי, מאכי, בארי**

Cover Design & Booklet Layout:
**Zelig Eiger**
Final Touch / 718.686.1022

